**עלטערן מעלדונג פון כוונה פאר'ן 2025-2026 שולע יאר**

טייערע פאמיליעס,

אויב איר פלאצירט אייער קינד אין א נאן-פובליק שולע אדער פלאנט צו היימשולע'ן אייער קינד פאר די 2025-2026 שולע יאר און וואלט געוואלט אייער קינד זאל באקומען ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס בשעת'ן גיין אין א נאן-פובליק שולע אדער היימשולע, מוזט איר פארלאנגען די סערוויסעס אין שריפט (א מעלדונג פון כוונה) כדי די קאמיטיי אויף ספעציעלע עדיוקעישאן ("CSE") זאל אייך אויפנעמען וואו אייער נאן-פובליק שולע געפינט זיך (דיסטריקט פון לאקאציע). די מעלדונג פון כוונה מוז ווערן געשיקט דורך אימעיל, פאסט, אדער געגעבן פערזענליך צו אייער CSE נישט שפעטער ווי **יוני 1, 2025**. ביטע נוצט די געאגראפישע אנליין אדרעס אפטייטשער (GOAT) דורכ'ן לינק אונטן צו אייך העלפן טרעפן אייער CSE.

ניו יארק סיטי פובליק שולעס האבן די פליכט צו מאכן זיכער איר האט אלע נויטיגע אינפארמאציע צו פלאנען די קומענדיגע שולע יאר און האבן ארייננגעשטעלט די גילטיגע אינפארמאציע אונטן.

אויב איר נויטיגט זיך אין הילף, פארבינדט זיך זאפארט מיט אייער לאקאלע CSE וועמנס אינפארמאציע געפינט זיך אויף www.schools.nyc.gov/cse. מיר זענען דא אייך צו קומען צו הילף!

## נאן-פובליק (פריוואטע/רעליגיעזע) שולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס

ניו יארק סיטי פובליק שולעס האבן ספעציעלע עדיוקעישאן פאראנטווארטליכקייטן פאר סטודענטן וואס זענען פלאצירט דורך זייער עלטערן אין פריוואטע אדער רעליגיעזע שולעס אין ניו יארק סיטי אויף זייער אייגן קאסטן. דאס ענטהאלט אויך די פליכט צו אידענטיפיצירן, אויסזוכן און זיי אפשאצן. דער פליכט באציט זיך אויך צו סטודענטן וואס וואוינען אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, און סטודענטן וואס וואוינען אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט, אבער זענען פלאצירט דורך זייער עלטערן אין פריוואטע אדער רעליגיעזע שולעס אין ניו יארק סיטי אויף זייער אייגן קאסטן.

## היימשולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס

אונטער ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן געזעץ אפטיילונג c-3602, זענען בארעכטיגט צו דערהאלטן ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס, היימשולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס זענען באשטימט אלס נאן-פובליק שולע סטודענטן. היימשולע קינדער מיט דיסאביליטיס ווערן באהאנדלט גלייך ווי אנדערע עלטערן-פלאצירטע קינדער מיט דיסאביליטיס אין א פריוואטע שולע פאר צוועקן פון די אינדיווידועלן מיט דיסאביליטיס עדיוקעישאן אקט. פאר היימשולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס, וועלן ניו יארק סיטי פובליק שולעס באשטימען דעם ארט וואו צו באקומען ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס, וועלכע קען אויך זיין די פלאץ פון די סטודענט'ס היים (קאמיוניטי) שולע.

פאמיליעס וואס האבן די כוונה צו היימשולע'ן זייערע קינדער פאר די 2025-2026 שולע יאר זאלן וויסן פון די פאלגענדע דעדליינס. בשעת די דעדליין צו מעלדן NYCPS איבער אייער כוונה צו היימשולע'ן איז יולי 1, 2025, מוז אייער פארלאנג פאר ספעציעלע עדיוקעישאן דערהאלטן ווערן ביז יוני 1, 2025.

- **יוני 1, 2025** - דעדליין פאר NYCPS צו דערהאלטן אייער פארלאנג פאר ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס פאר אייער קינד(ער) וואס איר ווילט היימשולען.
- **יולי 1, 2025** -צוריקקערנדע היימשולע פאמיליעס מוזן אריינגעבן יערליך א בריוו פון כוונה פאר יעדע קינד אום אדער ארום יולי 1, 2025 (דאס אנהויב פון די שולע יאר). עלטערן וואס באשליסן צו אנהויבן היימשולע'ן (אדער וועלכע באשטימען זייער וואוינארט אין די שולע דיסטריקט נאכ'ן אנהויב פון די שולע יאר) מוזן אריינגעבן א בריוו פון כוונה צו היימשולע'ן ביז 14 טעג נאכ'ן אנהויבן היימשולע'ן אין די שולע דיסטריקט.

דערצו, כדי צו זיין בארעכטיגט פאר ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס, מוז א היימשולע סטודענט האבן א אינדיווידועליזירטע היים לערנונג פלאן (IHIP) וואס פאלגט אויס טייל 100.10 פון די רעגולאציעס פון דעם קאמישאנער פון עדיוקעישאן. פאר צוריקקערנדע היימשולערס, דארפן די IHIPs זיין גרייט ביז אויגוסט 15, 2025. פאר נייע היימשולערס, דארפן די IHIPs זיין גרייט 28 טעג נאכ'ן אריינגעבן די בריוו פון כוונה.

פאר מער אינפארמאציע וועגן היימשולע'ן אייער קינד(ער), ביטע באזוכט www.schools.nyc.gov/enrollment/enrollment-help/home-schooling

## [די פאדערונגען פאר די עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה]

די מעלדונג פון כוונה וואס פארלאנגט ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס מוז ערהאלטן ווערן דורך די CSE אום אדער פאר יוני 1, 2025, מיט די נויטיגע עלעמענטן וואס זענען אויסגערעכנט אונטן.

-  די מעלדונג פון כוונה מוז ווערן אריינגעגעבן דורך די סטודענט'ס עלטערן אדער דורך אן אדוואקאט פארטרעטער פאר די פאמיליע; און אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט אין נאמען פון די פאמיליע, מוז די מעלדונג אויך האבן א צושטימונג פאר געהיימקייט ארויסלאזונג פאר די 2025-2026 שולע יאר, אונטערגעשריבן דורך די עלטערן מיט א פען-און-טינט אונטערשריפט. ביטע ליגט אכט אז פארטרעטן אין א דיו פראסעס פארהאנדלונג אדער אנדערע פראצעדורן אנבאלאנגט א פריערדיגע שולע יאר וועט נישט זיין גענוג און קען נישט דינען אנשטאטס די נויטיגע צושטימונג פאר געהיימקייט ארויסלאזונג פאר די 2025-2026 שולע יאר. **<u>א מעלדונג פון כוונה פון א דריטע צד וועלכער איז נישט אן אדוואקאט וועט מען נישט אויפנעמען, מיט אדער אן א צושטימונג פאר געהיימקייט ארויסלאזונג.</u>**

-  די מעלדונג פון כוונה מוז ענטהאלטן:
  1) נאמען פון סטודענט
  2) NYCID פון די סטודענט (אויב באקאנט) (געפינט זיך אויף'ן סטודענט'ס IESP)
  3) דאטום פון געבורט
  4) היים אדרעס
  5) נאמען פון עלטערן
  6) עלטערן'ס טעלעפאן נומער
  7) עלטערן'ס אימעיל אדרעס
  8) נאמען פון די שולע וואו די סטודענט וועט גיין פאר'ן 2025-2026 שולע יאר
  9) אדרעס פון די שולע וואו די סטודענט וועט גיין פאר'ן 2025-2026 שולע יאר

ביטע באמערקט אז צו גרינג מאכן דאס באנוצן, האט NYCPS געמאכט אן עלטערן מעלדונג פון כוונה עקזעמפלאר וועלכע איר קענט נוצן. די עקזעמפלאר קען מען באקומען ביי www.schools.nyc.gov/cse אונטער די פראגע *אויב איך האב פלאצירט מיין קינד אין א ניו יארק סיטי נאן-פובליק שולע, וואס דארף איך טון כדי מיין קינד זאל באקומען ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס פאר די נעקסטע שולע יאר?*

-  אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אימעיל, אויסער אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט וואס פארטרעט די פאמיליע, וועט די מעלדונג פון כוונה ווערן אויפגענומען בלויז אויב די עלטערן/גארדיען האט עס געשיקט דירעקט דורכ'ן אימעיל אדרעס די עלטערן/גארדיען האט אויף'ן פייל פאר NYCPS.

-  אויסער אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אימעיל דירעקט פון די אימעיל אדרעס די עלטערן/גארדיען האט אויף'ן פייל פאר NYCPS אדער אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט מיט אן אונטערגעשריבענעם צושטימונג פאר געהיימקייט ארויסלאזונג פאר די 2025-2026 שולע יאר, מוז א מעלדונג פון כוונה זיין אונטערגעשריבן דורך די עלטערן וואס נוצט א פען-און-טינט אונטערשריפט אדער אן E-אונטערשריפט. E-אונטערשריפטן וועלן ווערן אויפגענומען בלויז מיטן נוצן DocuSign ווען די אימעיל מיט די DocuSign אונטערשריפט קומט דירעקט פון די פאמיליע. ביטע זייט אנגעמערקט אז אן אונטערגעשריבענעם צושטימונג פון געהיימקייט ארויסלאזונג וואס אויטאריזירט אן אדוואקאט צו טון שריט אין נאמען פון די פאמיליע מוז אויך האבן א פען-און-טינט אונטערשריפט.

-  ביים שיקן די מעלדונג פון כוונה דורך אימעיל, זאל די טעמע אויף'ן אימעיל צום CSE זיין "Notice of Intent 2025-2026 SY".

*די CSE וועט באשטעטיגן שריפטליך אז די PNI איז אויפגענומען געווארן אדער וועט געבן טעכנישע הילף פאר א פאמיליע אדער אן אדוואקאט וואס פארטרעט א פאמיליע מיט'ן אריינגעבן א PNI וועלכע קומט נאך די אויבנדערמאנטע פאדערונגען.*

## [אידענטיפיצירן די דיסטריקט פון מיין קינד'ס היימשולע/נאן-פובליק שולע]

כדי צו באשטימען וועלכע CSE מוז ערהאלטן אייער עלטערן מעלדונג פון כוונה, ביטע באזוכט די [ניו יארק סיטי גיאגראפישע אנליין אדרעס טרענסלעטאר (GOAT)](GOAT), דאן, אויף די לינקע זייט פונעם בלאט אונטער ADDRESS FUNCTIONS, קליקט אויף FUNCTION 1B, טייפט אריין אייער נאן-פובליק שולע אדער היימשולע אדרעס, און רעדלט אראפ ביז "סיטי סערוויס אינפארמעישאן" דארט ווערט איר זעהן "שולע דיסטריקט". ביטע באזוכט די *אידענטיפיצירן מיין קאמיטיי אויף ספעציעלע עדיוקעישאן אפטיילונג* אויף דעם בלאט צו טרעפן אייער CSE דורך שולע דיסטריקט אין איינעם מיט די CSE'ס קאנטאקט אינפארמאציע.

## אידענטיפיצירן מיין קאמיטיי אויף ספעציעלע עדיוקעישאן (דיסטריקט פון לאקאציע)

קאנטאקט אינפארמאציע פאר די CSEס אריינעמיג די שולע דיסטריקטס אין יעדע CSE געפינען זיך אונטן. שיקן די מעלדונג פון כוונה צו פילצאליגע CSEס אדער צו די CSE וואס איז נישט פארבינדן מיט אייער פריוואטע שולע קען אפשטופן די פאראהאנדלונגען פון אייער עלטערן מעלדונג פון כוונה.

☐ **CSE 1** (דיסטריקטס 7, 9, 10)
**אימעיל:** CSE1PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 1 Fordham Plaza, 7th Floor
Bronx, New York 10458

☐ **CSE 2** (דיסטריקטס 8, 11, 12)
**אימעיל:** CSE2PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 3450 E. Tremont Avenue, 2nd Fl.
Bronx, New York 10465

☐ **CSE 3** (דיסטריקטס 25, 26, 28, 29)
**אימעיל:** CSE3PNI@schools.nyc.gov

**אדרעס** פאר דיסטריקטס 25 און 26
30-48 Linden Place
Flushing, New York 11354

**אדרעס** פאר דיסטריקטס 28 און 29
90-27 Sutphin Boulevard
Jamaica, New York 11435

☐ **CSE 4** (דיסטריקטס 24, 27, 30)
**אימעיל:** CSE4PNI@schools.nyc.gov

**אדרעס** פאר דיסטריקטס 24 און 30
28-11 Queens Plaza North, 5th Floor
Long Island City, New York 11101

**אדרעס** פאר דיסטריקט 27
82-01 Rockaway Boulevard, 2nd Floor
Ozone Park, New York 11416

☐ **CSE 5** (דיסטריקטס 19, 23, 32)
**אימעיל:** CSE5PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 1665 St. Marks Avenue
Brooklyn, New York 11233

☐ **CSE 6** (דיסטריקטס 17, 18, 22)
**אימעיל:** CSE6PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 5619 Flatlands Avenue
Brooklyn, New York 11234

☐ **CSE 7** (דיסטריקטס 20, 21)
**אימעיל:** CSE7PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 415 89th Street
Brooklyn, New York 11209

☐ **CSE 8** (דיסטריקטס 13, 14, 15, 16)
**אימעיל:** CSE8PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 131 Livingston Street, 4th Floor
Brooklyn, New York 11201

☐ **CSE 9** (דיסטריקטס 1, 2, 4)
**אימעיל:** CSE9PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 333 7th Avenue, 4th Floor
New York, New York 10001

☐ **CSE 10** (דיסטריקטס 3, 5, 6)
**אימעיל:** CSE10PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 388 West 125th Street
New York, New York 10027

☐ **CSE 11** (דיסטריקט 31)
**אימעיל:** CSE11PNI@schools.nyc.gov
**אדרעס:** 715 Ocean Terrace, Building A
Staten Island, New York 10301

## שפעטע אריינגעבונגען פאר'ן 2025-2026 שולע יאר

די יוני 1 דעדליין וועט זיין שטרענג ענפארסירט פאר'ן 2025-2026 שולע יאר.